1139

# מכתב גלוי

## אל ר' צבי מאיר גינזבערג

### דער מזכיר, דער מנהל, און דער בעה"ב פון אגודת הרבנים

דו האסט דיך דערוואגט, זיך צו פארטשעפן, מיט אונזערע בארא פארקע איינוואוינער. דו האסט זיי אנגעפסק'ענט, נישט מער און נישט ווייניגער ווי

**מחללי שבת בפרהסיא ! ! !**

אין דעם "נייעס באריכט" האסטו נעכטן מפרסם געווען א אזהרה חמורה, וזו לשונה: "באסיפת אגודת הרבנים שהתקיימה ביום ט' שבט תש"ם הוחלט להודיע ברבים את ההוראה וכו' שאי אפשר בשום אופן לתקן עירוב בבארא פארק, וגם לפרסם את פסק ההלכה של נשיאנו המנוח פוסק הדור רשכבה"ג מרן ר' משה פיינשטיין זצ"ל שכתב, ומי שיסמוך על העירוב בבארא פארק הוא מחלל שבת בפרהסיא".

הערש מאיר, דער בארא פארקער ציבור וויל וויסן א ביסל פרטים וועגן די דאזיגע אסיפת אגודת הרבנים שהתקיימה ביום ט' שבט תש"ם, והוחלט להודיע וכו' וגם לפרסם וכו'. ווער, און וואס פאר א ראלע, שפילן אט די רבנים, כדי מיר זאלן זיך פאר זיי מכניע זיין, אנצונעמען זייערע החלטות, און נישט די החלטות פון אונזערע לאקאלע חשוב'ע מורי הוראות המובהקים פון אונזער חרדישע שכונה?

הערש מאיר, דו ביסט'עד א מוחזק לשקרן כזבן וזייפן שאין כדוגמתו. פון די 23 אנוועזענדע רבנים ביי דיר אין בעיזמענט, האבן טייל פון זיי אלעם אוסגעזאגט. דו האסט פון זיי געפאדערט זאלן אונטערשרייבן אויף די אויבנדערמאטע החלטה. דערויף האבן די 5 ליובאוויטשע רבנים דיר געענפערט, אז זיי טארן זיך נישט מישן בעניני הוראה בנוגע צו בארא פארק, ווייל זיי האבן א "הוראה פון רבי'ן" שהענין שייך להרבנים על אתר שהם יכריעו בדבר (שערי הלכה ח"ב), און דערפאר קענען זיי נישט חתמענען. די גרויסע באוואוסטע רבנים וואס האבן יא אונטערגעשריבן, הערט גוט אוים, זענען: 1. הרב ארי' רלב"ג, 2. זיין פאטער הרב יהוסף רלב"ג, 3. הרב שלום רודנסקי, 4. הרב י. לוסטיג. און עפים נאך 3 וואס די משתתפי האסיפה האבן זיי קיינמאל פריער נישט געזען. דאס הייסט, אז פון די 23, האבן נאר די 7 אונז אנגעפסקענט פאר מחללי שבתות. די אנדערע רבנים האבן געפאדערט מ'זאל

זיך פריער טרעפן מיט די דיינים פון קהל מחזיקי הדת, צו הערן פרטים וועגן די ג' מחיצות וואס זיי האבן מברר געווען להלכה, וואס צוליב דעם איז דער עירוב כשר לדעתם אפילו לשיטת הנשיא המנוח הגר"מ פיינשטיין זצ"ל. למעשה, האט זיך די אסיפה געשלאסן מיט אט די הצעה פון דעם גרויסן "רוב" הרבנים של אגוה"ר, אז אזא החלטה וועט געמאכט ווערן נאר נאך די קומענדיגע אסיפה וואס וועט פארקומען צוזאמען מיט די דיינים פון קהל מחזיקי הדת.

יעצט ווערט דער בארא פארקער ציבור געבעטן נאך א מאל איבער צו ליינען די פאלשע מודעה פון "אגודת הרבנים דארה"ב וקנדה" וואס דער שקרן זייפן וכזבן הערש מאיר גינזבערג האט געלאזט דרוקן אין "די צייטונג" פון היינטיגע וואך.

הערש מאיר, הער זיך גוט אויס, בארא פארק איז קיין "שטח הפקר נישט"! מיר מוזן מיט אייך רעדן אפענע דיבורים, דיבורים הקשים כגידים. אזוי ווי היינט איז שוין קיין סוד נישט, אז דער פאלשער בריעוו מיט רבי משה זצ"ל'ס חתימה, האסטו אליין געלאזט מזייף זיין כידוע, און דערמיט ווילסטו היינט ארויפצווינגען אויף אונזער חרדישן חסידישן ציבור אז זיי זאלן פאלגן דעם אזויגערופענעם פסק. ובכן, דארפן מיר ערשטענס וויסן, צו די אליין ביסט מדקדק זיך צו פירן לויט די פסקים פון אייער נשיא המנוח זצ"ל, אלץ שוויא אנפשך חתיכה דאיסורא. דער ענטפער איז, לא דובים ולא יער, די אליין פאלגסט נישט דיין נשיא'ס פסקים. זאג נאר הערש מאיר, א שבת-זייגער ווערט גענוצט אין דיין שטוב? נו אויב אזוי ביזטו לשיטתך א מחלל שבת ר"ל, א כופר בכל התורה כולה! טול קורה מבין עיניך! קשוט עצמך תחילה ואח"כ קשוט אחרים!

אגב, מיר האבן פארגעסן פריער צו דערמאנען נאך 1 נאמען פון די וואס האבן געחתמעט, וואס זיין חתימה מיט זיינע הוראות זענען אונז חרדישע חסידישע בארא פארק'ע אידן זייער מחייב. דער רב פון די 10 אמעריקאנע באטש'ס מנין, אין דער קלאס-רום פון מחזיקי תורה (שרה שנירער), ה"ה המזכיר והמנהל ו"אגודת הרבנים" עצמו, וואס האט מצרף געווען זיין אייגענע חשוב'ע חתימה, אז אונז, רוב בארא פארק איינוואינער, זענען מחללי שבת קודש רחמנא לישזבן.

חז"ל זאגן אין מסכתא שבת, "אם ראית פורעניות בא לעולם, צא ובדוק בדייני ישראל". דער בי"ד פון ראביי גינזבערג איז דעך גאר באקאנט מיט זיין השחתה, גזל ושאר מיני פורעניות ומרעין בישין. בארא פארק איז נישט קיין שטח הפקר, די צייט איז געקומען מפרסם צו זיין ראביי גינזבערג'ס באנקראטישע רבנישע ארגאניזאציע, און ספעציעל זיין בי"ד (אי-צדק) המושחת הידוע לשמצה.

**תושבי בארא פארק הסרים למשמעת הרבנים החרדיים המובהקים**